צ י ל י ע   ד ר אַ פּ ק י ן

# צו לוציפערן

מיין שיינער לוציפער,
דיין קאַלט-גרויער בליק
קוקט באַוועגלאָז אויף מיר,
און צעדרייט, ווי אַן אַף
שטיי איך אויף די קני,
און לעק דיר דיינע דאַרע פיס.
מיין רוקן איז געוואָרן צעבויגן,
ווי אַ פרעג־צייכן,

נאָר עס מאַכט ניט,
ווי לאַנג דו קוקסט אַזוי,
מיין שיינער לוציפער,
באַוועגלאָז אויף מיר,
וועל איך זיצן צעבויגן
ביי דיינע פיס,
ווי אויף „נאָטרע דאַם"
אַ כימערע.

⁂

איך האָב דיך נאָך ניט געזען
אַ שלאָפנדיקן ,
עס ווילט זיך מיר זען,
ווי דו שלאָפסט,
ווען דו פאַרלירסט דיין מאַכט
איבער זיך, איבער מיר.
עס ווילט זיך מיר זען דיך

אַ הילפלאָזן, אַש וואַכן, אַ
שטומען,
עס ווילט זיך מיר זען דיך מיט
אויגן
פאַרמאַכטע, אָן אָטעם,
עס ווילט זיך מיר זען דיך
אַ טויטן.

⁂

דו קוועלסט, איך קוועל,
עס קוועלט אין אונדז דער גאָט,
וואָס מאַכט פון אַלץ אַ תל,
וואָס ווייס ניט פון פאַרבאָט.

קלאַפּ צו מיינע הענט,
קלאַפּ צו מיינע פיס צו אַ קרייץ

פאַרברען מיך, ווער פאַרברענט,
פאַרנעם מיין גאַנצן רייץ,

און לאָז מיך טיף פאַרשעמט,
זויג אויס און וואַרף אַוועק
און ווער פאַרפרעמדט,
פאַרפרעמדט
אויף אַ באַזונדער וועג.